בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרן שַׁבָּת טִישׁ

גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

גליון 3



עֲשִׁירוּת אַבִּי נִישְׁט צוּ רֶעדְן פַאְרן דַאוֶונֶען, מֶען רוּפְט אוֹיס אִין הִימְל אַז פַאְרן אַוֶועק גֶעבְּן אַ שְׁטִיק גָאלְד נִישְׁט צוּ רֶעדְן פַאְרן דַאוֶונֶען וֶועט מֶען אִים גֶעבְּן אַ קִינְד אַ שְׁטִיק גָאלְד, עֶר וֶועט גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד מִיט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, רֶבִּי אַבְרָהָם הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דִי טַאטֶע פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ אַ קִינְד וִויל דִיךְ שְׁטֶערְן אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, עֶר רֶעדְט צוּ דִיר, עֶר שְׁטֶערְט דִיר - וֶועלְן מִיר זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג מַאכְן, מִיר וֶועלְן וַוייטֶער דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל בַּיים דַאוֶונֶען רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לשמיעת הסיפורים [באידיש] בקו 'קול ברסלב'

07970-400-66 | להפצה - 054-8480941

## אִיךְ רֶעד נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען

"מִיסְטֶער, קֶען יוּ גִיוו מִי טוּ דָאלַער פָאר דִיס פִּיס?"

"שַׁא... נוּ... שַׁא..."

"מִיסְטֶער, גִיוו מִי וָואן דָאלַער..."

"נוּ... שַׁא..."

דֶער אִיד רֶבִּי אַבְרָהָם רֶעדְט נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט פַארְן דַאוֶוענֶען, אֲפִילוּ עֶר קֶען מַאכְן אַסַאךְ גֶעלְט וֶועט עֶר נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וַיְהִי הַיּוֹם, רֶבִּי אַבְרָהָם זִיצְט מִיט טַלִית וּתְפִילִין אוּן אַ גוֹי קוּמְט צוּ אִים מִיט אַ טֵייעֶרֶע שְׁטִיק גָאלְד וָואס אִיז וֶוערְד אִיבֶּער אַ מִילְיָאן דָאלֶער אוּן פְרֶעגְט אִים: "מִיסְטֶער, קֶען יוּ גִיוו מִי טוּ דָאלַער פָאר דִיס פִּיס?" אוֹיבּ עֶר ווִיל אָפְּקוֹיפְן דֶעם שְׁטִיק גָאלְד פַאר צְוֵויי דָאלֶער, "שַׁא... נוּ... שַׁא..." – עֶנְטְפֶערְט אִים רֶבִּי אַבְרָהָם, זָאגְט דֶער גוֹי: "מִיסְטֶער, גִיוו מִי וָואן דָאלַער..." עֶר אִיז גְרֵייט עֶס צוּ פַארְקוֹיפְן פַאר אֵיין דָאלֶער, אָבֶער רֶבִּי אַבְרָהָם עֶנְטְפֶערְט אִים: "נוּ... שַׁא...", דֶער גוֹי זֶעט אַז דֶער אִיד רֶבִּי אַבְרָהָם בְּרֶעכְט נִישְׁט זַיין גוּטֶער מִנְהָג, עֶר רֶעדְט נִישְׁט פַארְן דַאוֶוענֶען אוּן זִיכֶער נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען, עֶס אִיז אִים נִישְׁט וֶוערְד צוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אוֹיבּ גֵייט דָאס אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען.

דֶער גוֹי גֵייט צוּ אַ צְוֵוייטְן, יֶענֶער זֶעט ווִי שֵׁיין דִי שְׁטִיק גָאלְד אִיז, אוּן פַאר אֵיין דָאלֶער קֶען עֶר וֶוערְן אַ מִילְיָאנֶער, קוֹיפְט עֶר דָאס גְלַייךְ אָפּ אוּן וֶוערְט אַ רִיזִיגֶער עוֹשֶׁר.

אַ רַעַשׁ אוּן אַ טוּמְל אִיז גֶעוָוארְן אִין הִימְל, רֶבִּי אַבְרָהָם הָאט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע